**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פאראַרדנט סטעיט אגענטורן זיך צו גרייטן אזוי ווי שטארקע ווינטן און 'לעיק עפעקט' שניי קענען פאראורזאכן אומשטענדן ענליך צו א זאווערוכע דעם סוף וואך**

***גאווערנער גיבט ארויס [ווידעאו מעסעדזש]() פאר ניו יארקער מיט די לעצטע נייעס איבער סטעיט-ברייטע גרייטונגען פאר שטורעם, מוטיגט פארזיכטיגקייט בעפאר עקסטרעמע וועטער***

***וועטער סיסטעם מיט שטארקע ווינטן, פרירנדע טעמפעראטורן און 'לעיק עפעקט' שניי ערווארטעט צו פאראורזאכן עלעקטריציטעט קורצשלוסן און ברענגען מעגליכקייט פאר פאטענציאל לעבנ'ס-סכנות'דיגע אומשטענדן אנגעהויבן שבת***

***וועטער האט אויך פאטענציאל צו שאפן סכנה פאר פלוצלינגדיגע און ברעגע פארפלייצונגען אין די האדסאן וואלי, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד***

***פארגעשאצטע איינצלהייטן איבער סך הכל שנייען און וואו 'לעיק עפעקט' שניי וועט זיין די שטערקסטע זענען נאך אומקלאר***

***גאווערנער שיקט ארויס 100 סאלדאטן פון ניו יארק נעשענעל גאַרד קיין מערב ניו יארק צו שטיצן עמערדזשענסי אפרופונג אפעראציעס***

***ניו יארקער געמוטיגט זיך צו גרייטן פאר פאטענציאלע עלעקטריציטעט קורצשלוסן, געפארפולע אומשטענדן צו פארן און אנדערע שווערע ווינטער וועטער ווירקונגען***

***ניו יארקער קענען זיך איינשרייבן פאר עמערדזשענסי אלערטס [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פאראַרדנט סטעיט אגענטורן צו אנהויבן עמערדזשענסי אפרופונג גרייטונגען אזוי ווי 'לעיק עפעקט' שניי און שטארקע ווינטן האבן די פאטענציאל צו אנברענגען אומשטענדן ענליך צו א זאווערוכע אראפ פון די ברעגעס פון לעיק ערי און לעיק אָנטאַריאָ דעם סוף וואך. די גאווערנער האט אויך ארויסגעבן א ווידעאו מעסעדזש פאר ניו יארקער זיי צו גיבן די לעצטע נייעס איבער די לעצטע פארשאצונגען און מוטיגנדיג צו זיין פארזיכטיג אזוי ווי די שטורעם רוקט זיך אריין אין ניו יארק.

**ווידעאו** פון די געשעעניש איז פארעפנטליכט אויף YouTube [דא]() און אין TV קוואליטעט (h.264, mp4) פארמאט [דא]().

"ניו יארקער מוזן זיין וואכזאם: נאך א ווינטער שטורעם איז אויפן וועג, און עס האט די פאטענציאל צו אנברענגען א באדייטנדע ווירקונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר שיקן ארויס איינגעשטעלטע,

שטעלן אוועק עקוויפּמענט אין פלאץ און גיבן ארויס פריע ווארענונגען צו זיכער מאכן אז אונזער אפרופונג איז געשווינד און אפעקטיוו."

נאכפאלגנדיג נאך א גרויסע שטורעם סיסטעם וואס איז ערווארטעט צו באטרעפן א גרויסע טייל פון די סטעיט מיט שניי, רעגן און שטארקע ווינטן אנגעהויבן פרייטאג, טעמפעראטורן זענען ערווארטעט צו שנעלערהייט פאלן אונטער די פרירונג פונקט דורכאויס שבת, ברענגענדיג פאסיגע אומשטענדן פאר א 'לעיק עפעקט' שניי זיך צו אנטוויקלען. כאטש וועטער זאגער ארבעטן נאך צו באשטימען די סך הכל שניי און די פונקטליכע לאקאציעס וואו די 'לעיק עפעקט' שני וועט זיין קאנצענטרירט, דאך זענען בוזשעווענדע ווינטן פון 35 מ.פ.ש. ביז 70 מ.פ.ש. ווארשיינליך צו שאפן אן עכטע פאטענציאל פאר עלעקטריציטעט קורצשלוסן דורכאויס די צייט.

די געמיש פון 'לעיק עפעקט' שניי, שטארקע ווינטן און פרירנדע טעמפעראטורן קענען אנברענגען פאטענציאל לעבנס-סכנות'דיגע אומשטענדן אין די געגנטער לענגאויס לעיק ערי און לעיק אָנטאַריאָ. ניו יארקער זאלן נעמען די וועטער ערנסט און אנהויבן מאכן פארברייטונגען יעצט אין פאל וואס די ערגסטע געשעהט.

אנגעהויבן פרייטאג אוונט וועט נאך א שטורעם סיסטעם אנברענגענדיג מערערע סכנות זיך אריינרוקן אין די סטעיט מיט שניי, א ווינטערדיגע געמיש, רעגן, שטארקע ווינטן, קאלטע טעמפעראטורן, ביטער-קאלטע ווינטן און 'לעיק עפעקט' שניי, צוזאמען מיט די פאטענציאל פאר פארפלייצונגען פון די ים און לעיק ברעגעס. אין געגנטער לענגאויס די 'גרעיט לעיקס' וועט זיך די וועטער אנהויבן אלס שווערע שניי מיט די פאטענציאל צו פאלן מיט א שנעלקייט פון צוויי אינטשעס פער שעה אדער מער. כאטש רוב פון די סטעיט וועט באקומען ווינטן פון 30-45 מ.פ.ש., זענען ווינטן פון ביז אזויפיל ווי 70 מ.פ.ש. מעגליך אין מערב ניו יארק און ווינטן פון 50-65 מ.פ.ש. אין געגנטער מזרח פון לעיק אָנטאַריאו, ברענגענדיג אן עכטע פאטענציאל פאר עלעקטריציטעט קורצשלוסן. די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט שוין ארויסגעגעבן הויכע ווינט ווארענונגען פאר די פלעצער.

טעמפעראטורן וועלן אנהויבן צו פאלן פון מערב צו מזרח אריבער די סטעיט אום שבת אינדערפרי, שאפנדיג די פאטענציאל פאר ביטער-קאלטע ווינטן אריבער מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק, סאוטערן טיער, מאוהאק וואלי און נארט קאנטרי ראיאנען. 'לעיק עפעקט' שניי איז דאן ערווארטעט זיך צו אנטוויקלען שבת נאכמיטאג און פארזעצן דורכאויס דעם סוף וואך. באדייטנדע שנייען זענען מעגליך אין די מערסט געדיכטע חלקים פון די 'לעיק עפעקט' שניי, אבער די פונקטליכע לאקאציעס וואו די געדיכטע שנייען וועלן פאלן דארפן נאך אידענטיפיצירט ווערן. טעמפעראטורן זענען ערווארטעט צו זיין אין די צענערס ביז די נידעריגע צוואנציגס דורכאויס די 'לעיק עפעקט' וועטער, און די טעמפעראטורן פון די ווינט וועלן ווארשיינליך זיין וויניגער פון צען, און אין געוויסע העכערע פלעצער פאלנדיג אפילו אונטער זעראו.

אין אנדערע פלעצער אין די סטעיט איז די וועטער ערווארטעט צו אנברענגען ביז צוויי אינטשעס פון רעגן אין סך הכל אריבער די האדסאן וואלי, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד, מיט ווינטן פון ביז 50 מ.פ.ש. פרייטאג ביינאכט אריין אין שבת. עס איז דא אן עטוואסע סכנה פאר פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען אין די פלעצער, און פארהעלטנסמעסיגע ברעגע פארפלייצונגען זענען ערווארטעט לענגאויס די דרום ברעגעס פון ניו יארק סיטי און די דרום און מערסט-צו-מזרח ברעגעס פון לאנג איילענד. נאך ברעגע אפשווענקונג איז מעגליך, באזונדערס לענגאויס די אריעט פוינט ברעגע.

די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט שוין ארויסגעגעבן א רייע וואַטשעס און ווארענונגען פאר די שטורעם. פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פאראויסזאגונגען, באזוכט די וועבזייטל פון די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service) אויף https://alerts.weather.gov. ניו יארקער ווערן

אויף געמוטיגט צו זיך איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף https://alert.ny.gov — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

## אגענטור אקטיוויטעטן

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פאלגט אקטיוו נאך די פראראויסגעזאגטע וועטערן און קאארדינירט די סטעיט'ס אפרוף צו די וועטער געשעעניש. שטאב מיטגלידער פון די אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג (Office of Emergency Management) שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ערמעגליכן פארלאנגען פאר הילף. די דיוויזיע גרייט זיך צו עפענען די סטעיט'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער דעם סוף וואך אויב די אומשטענדן פארלאנגען דאס, און די דיוויזיע איז גרייט ארויסצושיקן עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען און שעלטער סופלייס פון די סטעיט'ס זאפאסן.

**דיוויזיע פון מיליטער און נעיווי פלאטע אנגעלעגנהייטן**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מיליטער און נעיווי פלאטע אנגעלעגנהייטן (Division of Military and Naval Affairs) שיקט ארויס 100 סאלדאטן און 25 וויהיקלס פון די ניו יארק נעשענעל גאַרד צו מערב ניו יארק צו ארויסהעלפן מיט אלגעמיינע אפרופונג אקטיוויטעטן, עמערדזשענסי מעדיצינישע אפוינטמענטס און מיט זוכעריי און רעטונג אפעראציעס.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די טראנספארטאציע דעפּארטמענט זעצט פאר צו אדרעסירן פארפלייצונגען און אנדערע אנגעלעגנהייטן וואס קומען פון די וואכיגע שטורעם, און זיי גרייטן זיך פאר די בעפארשטייענדע וועטער געשעעניש מיט מער פון 3,720 סופּערווייזערס און מאשין דרייווערס. אלע פעלד שטאב מיטגלידער זענען גרייט אריינצושפרינגען און רעאגירן. שטאב מיטגלידער קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך (פלייצונג אפרוף, טשיפער, לאדנען און שלעפען, סוּער דזשעט, קאָט ענד טאָס, טראפיק סיגנאל, א.א.וו.). מאנשאפטן קוקן איבער און רייניגן אויס וואסער אפלויף סטרוקטורן זיכער צו מאכן אז זיי זענען ריין פון אייז און אנדערע שמוץ. אלע באטראפענע געגנטער וואו מענטשן וואוינען וועלן בלייבן מיט מאנשאפטן אויפן ארט גרייט פאר אפעראציעס 24/7 מיט מאשין דרייווער, סופערווייזערס און מעכאניקער דורכאויס די גאנצע שטורעם, און אלע אזעלכע געגענטער וועלן ווערן די ערשטע אפגערייניגט.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,607 גרויסע שארער טראקס
- 148 מיטעלמעסיגע שארער טראקס
- 52 שלעפער שארערס
- 37 שניי בלאזער
- 342 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 82 עקסקעוועיטאר טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 84 האלץ טשיפערס
- 20 גרעידערס
- 11 וואקיום טראקס מיט סוּער דזשעטס
- 13 בוים-קרן באקעט טראקס

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org אדער די טעלעפאן וועבזייטל אויף m.511ny.org, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-וועי אויטאריטעט**
טרו-וועי אויטאריטעט שטאב מיטגלידער פאלגן נאך די וועטער פארשאצונגען פון די נאענט און זענען גרייט זיך אפצורופן מיט 703 מאשין דרייווערס און סופערווייזערס שטייענדיג גרייט. די צאלן פון די עקוויפמענט און מיטלען איבערן סטעיט זענען אויסגערעכנט פאלגנד:

- 359 גרויסע און מיטלמעסיגע דוֿטי שארער טראָקס
- 10 טאָו שארערס
- 64 לאָודער טראקטארס
- מער פון 118,000 טאן פון זאלץ גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן גענוצט אויף צו ווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

די טרו-וועי אויטאריטעט ערמוטיגט מאטאריסטן צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד כלים. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת׳ן זיין אויפ׳ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און פאַלאָווען @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
די יוטיליטי פירמעס וואס זענען רעגולירט דורך די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס האבן יעצט אומגעפער 9,400 ארבייטער וואס זענען פארנומען מיט פאררעכטונג און צוריקשטעלונג באמיאונגען צוליב די שאדנס פון דינסטאג'ס שטורעם געשעעניש. אין דעם זעלבן צייט, האבן די יוטיליטי פירמעס אנגעהויבן מיט פארברייטונגען פאר די גרויסע שטורעם פון דעם סוף וואך, און זיי וועלן ווייטער האלטן פילע פון די צייטווייליגע ארבייטער אונטער קאנטראקט וואס געפונען זיך יעצט אין די סטעיט כדי צו ארויסהעלפן מיט סיי וועלכע פאררעכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט וואס פעהלט אויס. DPS אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן. אויב אייער סערוויס ווערט אפגעהאקט, באזוכט די DPS יוטיליטי סערוויס אפשטעלונגען וועבזייטל פאר טיפּס.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי טוען האלטן אן אויג אויף די וועטער און זענען גרייט ארויסצושיקן נאך טרופערס, ווי נויטיג. אלע סטעיט פאליציי פּור-וויל-דרייוו און ספעציאליזירטע קארן און טרעקלעך, אריינרעכענענדיג סנאָו-מאָובילס און יו טי ווי טרעקלעך שטייען גרייט פאר זאפארטיגע אפרופונג, און אלע עמערדזשענסי עלעקטריציטעט און קאמוניקאציע געצייג זענען געטעסט געווארן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג**
DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, און ראיאנישע שטאב מיטגלידער בלייבן אויפן וואך און זענען פאר צו נאכפאלגן די

אנטוויקלנדע סיטואציע און וועטער פארשאצונגען. אלע אפרוף-מיטלען זענען אין פאזיציע גרייט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

מיט ווארעמערע טעמפעראטורן ערווארטעט דורכאויס שבת, דערמאנט די DEC פאר סיי וועלכע דרויסנדיגע וואנטוריסטן צו צולייגן קאפ צו די אומשטענדן ביים הייקן און צו זיין פארזיכטיג ביים ארויסגיין אויף אייז. קוקט אייביג איבער ווי דיק די אייז איז בעפארן פארן העכער עס. א מינימום פון דריי ביז פיר אינטשעס פון הארטע אייז איז די אלגעמיינע דיקקייט פאר זיכערהייט.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. אפרופונג עקוויפמענט ווערט אנגעפילט מיט גאז, אויספרובירט און צוגעגרייט צו ווערן געניצט זיך אפצורופן צו די שטורעם. פארק באזיכער זאלן קוקן אויף https://parks.ny.gov אדער רופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע נייעס איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
בעאמטע האלטן אן אויג אויף וועטער אומשטענדן און וועלן סטראטעגיש פלאצירן פון פאראויס שטאב מיטגלידער און עקוויפמענט צו קענען רעאגירן צו וועטער אומשטענדן ווי נויטיג. ניו יארק סיטי טראנזיט, לאנג איילענד באנען און די מעטרא-נארט באן מאנשאפטן וועלן האבן אוועילעבל געצייג צו קענען שנעל רעאגירן לויט ווי די אומשטענדן פארלאנגען - עלעקטרישע זעגן צו אוועקנעמען אראפגעפאלענע ביימער, פאמפס אין פאל פון פארפלייצטע געגנטער, אידענטיפיצירן לאקאציעס און אוועילעבילעטי פון געצייג צו ערזעצן געשעדיגטע יוטיליטי זיילן און קראסינג צוימען. גאז באנען וועלן אויך פלאצירט ווערן פונקטליך פון פריער צו פארמינערן סיי וועלכע מעגליכע סערוויס שאדן. פאר די לעצטע נייעסן איבער סערוויס אריבער די גאנצע MTA טראנספארטאציע נעטווארק, קוקט אויף די MTA וועבזייטל און אונזערע פארשידענע עפּס – MyMTA און Train Time – און אזוי אויך אונזערע סאָושעל מידיע אקאונטס.

**פארט אויטאריטעט**
די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן איבער אירע אלע איינריכטונגען. אין פאל פון שווערע וועטער אומשטענדן, געבט דער אגענטור ארויס כסדר'דיגע רייזע אלערטס און אפדעיטס לויט ווי עס נויטיגט זיך. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, קוקט ביטע אויף סאָושעל מידיע, שרייבט זיך איין צו באקומען PA אלערטס אדער דאַונלאָודט איינע פון די PA טעלעפאָן עפּס, אריינרעכענענדיג RidePATH, וואס גיבט די לעצטע אפדעיטס און אלערטס פאר PATH סערוויס.

**זיכערהייט טיפס**

**ווינטער וועטער**

- גיבט זיך אפ מיט שניי שארן עקוויפמענט. נוצט שטיין זאלץ צו צולאזן אייז אויף צעמענט, און נוצט זאמד צו פארמיידן דאס זיך אויסגליטשן.
- גרייט אן אייער היים פאר די ווינטער און האט יערליכע אינספעקציעס אויף הייצונג מאשינען.
- אויב איר נוצט הייצונג אויל, מאכט זיכער אז איר האט גענוג.
- האט זיכערע, עמערדזשענסי הייצונג עקוויפמענט גרייט צו נוצן, און נוצט עס לויט די פירמע'ס אנווייזונגען.
- אינסטאלירט און קוקט איבער רויעך אלאראמען.
- באשיצט וואסער רערן פון פארפרוירן ווערן.

**פארן אין ווינטער וועטער**
עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייווי׳ען רעכענען אריין:

- דרייוו'ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- אויב איר מוז פארן, מאכט זיכער איר האט די וויכטיגסטע חפצים אין אייער קאר ווי דאכענעס, א שאוועל, פלעשלייט און איבעריגע באטעריעס, נאך ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בּוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-וועי ראדיאו אוועילעבל, דאן האלט די באטעריעס גע'טשארדזש'ט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער'ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; קענען גוט זעהן איז גאר וויכטיג צו קענען גוט דרייווען. פלאנירט אייערע סטאָפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטערע באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. האלט אייביג אייער שנעלקייט צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג פאר דרייווערס אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שניי-שארער-טראָקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויניגער ווי דער באשטימטע ספּיעד לימיט, צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס וועלן שארער-טראָקס אפערירן איינס נעבן צווייטן, וויבאלד דאס איז די מערסט-ווירקזאמע און זיכערסטע אופן אפצוראַמען עטליכע לעינס אויף א מאל.
- דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראָק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער'ן שארער-טראָק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן. דרייווערס זאלן נישט פרובירן פארבייגיין שארער-טראָקס אדער נאכפארן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייווי׳ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראָקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פרובירט קיינמאל נישט צו באכאפן א שניי שארער בשעת עס ארבעט.

**קורצשלוסן**
פלאנירונג

- אויב איר נוצט מעדיצינען וואס דארפן א פרידזשידער, קענען מערסטנס פון זיי געהאלטן ווערן אין א פארמאכטע פרידזשידער פאר עטליכע שעה אן קיין פראבלעם - מאכט זיכער מיט אייער דאקטער אדער אפטייקער.
- אויב איר האט פלאץ אין אייער פרידזשידער אדער פריזער, נעמט אין באטראכט די געדאנק פון אנפולן פלעסטיק קאנטעינערס מיט וואסער, לאזנדיג אן אינטש ליידיג אין יעדע איינס -דאס וועט העלפן האלטן עסן קאלט אין פאל פון א קורצשלוס.

- פלאנירט וויאזוי צו האבן א צווייטע וועג צו קאכן, אזויווי א קעמפ אויוון אדער דרויסנדיגע גריל. פאלגט אויס די פאסיגע זיכערהייט אנווייזונגען עס צו נוצן אינדרויסן פון שטוב.
- נעמט אין באטראכט צו קויפן א גענעראטור און פאלגט נאך די אנווייזונגען פאר'ן עס נוצן אינדרויסן פון אייער שטוב. איידער איר אינסטאלירט א גענעראטור, מאכט זיכער זיך צו ריכטיג אפהאקן פון אייער יוטיליטי עלעקטרישע סערוויס. אויב מעגליך, ברענגט א קוואליפיצירטע עלעקטרישען צו אינסטאלירן אייער גענעראטור.
- האלט גרייט איבריגע דעקעס, מאנטלען, הוטן, און הענטשיקעס זיך צו האלטןווארעם.
- אויב איר האט א קאמפיוטער, האלט אין איין בעק'אפ'ען פיילס און אפערעיטינג סיסטעמען. לעשט אויס אלע קאמפיוטערס, מאניטארס, און אנדערע דעווייסעס ווען איר נוצט עס נישט.
- אויב איר האט אן עלעקטרישע גאראדזש טיר עפענער, טרעפט די פיזישע עפענער מיטל, און לערנט זיך וויאזוי עס צו נוצן.
- אויב איר האט א טעלעפאן דעווייס אדער סיסטעם וואס דארף עלעקטריציטעט צו ארבעטן, פלאנירט א צווייטע קאמיוניקאציע אזויווי א סטאנדארט טעלעפאן טרייבל, סעלפאון, אדער ראדיא.

**וואס צו טון אויב די עלעקטריציטעט פארלעשט זיך**

- אויסלעשן אדער אומבאהעפטן הויפט עפלייענסעס און אנדערע אויסריכטונגען, ווי צ.ב.ש. קאמפיוטערס, אין פאל פון א צייטווייליגע ענערגיע קראפט אנפלייץ וועלכע קען שעדיגן די כלים. לעשט נישט אויס איין ליכט כדי איר זאלט וויסן ווען לעקטער קומט צוריק. נעמט אין באטראכט צו ניצן סורדזש פּראטעקטערס ווען איר ניצט עלעקטראנישע אויסריכטונגען.
- רופט אייער יוטיליטי פראוויידער זיי מודיע צו זיין וועגן דעם אויסלעש און הערט אויס ארטיגע בראדקעסטס פאר אפיציעלע אינפארמאציע. פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פאררעכטונג סקעדזשולס.
- מאכט זיכער אז שכנים און אנדערע מיט צוטריט אדער פונקציע געברויכן האבן עלעקטריציטעט.
- נוצט נאר פלעשלייטס פאר עמערדזשענסי באלייכטונג - ליכט קענען איינשטעלן א ריזיקע פון פייער.
- האלטס פרידזשידער און פריעזער טירן פארמאכט — רוב עסנווארג וועלכע דארפן געהאלטן ווערן קאלט קענען געהאלטן ווערן זיכערערהייט אין א פארמאכטע פרידזשידער פאר עטליכע שעה׳ן. אן אומגעעפנטע פרידזשידער וועט האלטן עסנווארג קאלט פאר בערך פיר (4) שעה. אן אנגעפילטע פריעזער וועט האלטן דער טעמפעראטור פאר בערך 48 שעה.
- ניצט נישט קיין טשאַרקאָול גריל אינעווייניג און ניצט נישט קיין גאז אויוון פאר הייצונג — זיי קענען ארויסגעבן שעדליכע מאסן קארבאן מאנאקסייד.
- האלט זיך ווארעם דורך אנטון עטליכע שיכטן פון קליידונג און פארמינערן וואס מער צו זיין אינדרויסן. זייט פארזיכטיג וועגן קאלטע אנגעשטרענגט סימפטאמען (ווי צ.ב.ש. היפאטערמיע) און זוכט פאסיגע מעדיצינישע הילף אויב ווייזן זיך סימפטאמען.
- פארשפארט צימערן וואס איר דארפט נישט.

**צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:**

- Central Hudson:  800-527-2714
- Con Edison:  800-752-6633
- National Grid:  800-867-5222
- NYSEG:  800-572-1131
- O&R:  877-434-4100
- PSEG-LI:  800-490-0075

- RG&E: 800-743-1701

**הייצונג זיכערהייט**

- נוצט נאר זיכערע מקורות פון אלטערנאטיווע הייצונג ווי א פייערפּלעיס, א קליינע גוט אויסגעלופטערטע האלץ אדער קויל אויוון אדער א רוקעוודיגע צימער הייצערס.
- ווען איר נוצט אלטערנאטיווע הייצונג מיטלען ווי א פייערפּלעיס, א האלץ אויוון א.ד.ג., מאכט אייביג זיכער אז די רויעך ווערט גוט אויסגעלופטערט. פאלגט אייביג אויס די אנווייזונגען פון די פירמע.
- האלט פירהאנגען, האנטוכער און טאפ-האלטערס אוועק פון הייסע אויבערפלאכן.
- האט א פייער עקסטינגווישער און סמאָוק דידעקטערס און מאכט זיכער אז זיי ארבעטן.
- אויב איר נוצט קעראסין (נאפט) הייצונג אין צוגאב צו אייער רעגולמעסיגע הייצונג אויל, אדער אלץ אן עמערדזשענסי מיטל פאר הייצונג, פאלגט נאך די פאלגנדע זיכערהייט טיפּס:
  - פאלגט די אנווייזונגען פונעם פאבריקאנט.
  - נוצט נאר די ריכטיגע אויל פאר אייער יוניט.
  - פילט אן די אויל נאר אינדרויסן און נאר ווען די יוניט איז אפגעקילט.
  - האלט די הייצער צום ווייניגסטנס דריי פיס אוועק פון מעבל און אנדערע אביעקטן וועלכע קענען כאפן פייער.
  - ווען איר נוצט די הייצונג, נוצט די אייזערנע צודעקן (סעיפגאַרדס) און לופטערט גוט אויס.

פאר מער ווינטער זיכערהייט טיפּס, באזוכט https://dhses.ny.gov/safety. פאר אלע נישט-עמערדזשענסי סערוויס געברויכן אין ניו יארק סטעיט איידער, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט 211nys.org.

**פארפלייצונג**
פלאנירונג

- לערנט אפ די זיכערסטע וועג פון אייער היים אדער ביזנעס צו הויכע, זיכערע ערד אין פאל וואס איר דארפט זיך ארויסיאגן פונדערהיים.
- האלט אייער קאר אנגעפילט מיט גאז אדער געטשארדזשט. אויב לעקטער איז אפגעהאקט, איז מעגליך אז גאזאלין סטאנציעס וועלן נישט קענען פאמפן ברענשטאף פאר עטליכע טעג. האלט א קליינע דיזעסטער סופּליי פעקל אין די טראָנק פון אייער קאר.
- געפונט אויס וויפיל פיס אייער פּראפּערטי איז העכער און נידעריגער פון מעגליכע פארפלייצונג שטאפלען. ווען ערווארטעטע פארפלייצונג שטאפלען ווערן איינגעמאלדן, וועט איר קענען פעסטשטעלן אויב איר קענט מעגליך פארפלייצט ווערן.
- האלט מאטעריאלן ווי זאמד זעקלעך, פלייוואוד, פלאסטישע צודעקן און האלץ ביים האנט צו אפשטעלן וואסער אין פאל פון עמערדזשענסי.

רייזע זיכערהייט

- פארפלייצונג און שעדליכע ווינטן קענען מאכן דאס ארומפארן גאר געפארפול.
- פרובירט קיינמאל נישט צו פארן אויף א פארפלייצטע גאס — נעמט אן אנדערע וועג. געדענקט: "דרייט זיך ארום, זינקט נישט."
  - זעקס אינטשעס פון שנעל פליסיגע וואסערן קען אייך מאכן פארלירן קאנטראל פון אייער קאר אדער אייך אראפקלאפן אויב איר גייט צופיס.

-שאצט נישט אונטער די כוח פון שנעל-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס פארט אויף בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוואשן קאר פון א גאס אדער בריק.
-אויב וואסער הייבט אן זיך הייבן שנעלערהייט ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
-אויב די וואסער הייבט זיך אינעווייניג אין די קאר, זוכט שוץ אויפן דאך. פארט נישט ארום גאס צוימונגען.

**איבער די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף Facebook, Instagram און X (וואס פלעגט הייסן Twitter) אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן